# צום פינטל

גליון קיח
פרשת משפטים תשפ"ה

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

### כשלחן ערוך ומוכן לאכול, בעלי דרשנים

### שיקול הדעת

משה לערנט מיט די יודן די הלכות פון חושן משפט, די הלכות פון 'בין אדם לחבירו', "אשר תשים לפניהם", לייג עס אראפ מיט א קלארקייט, 'כשלחן ערוך ומוכן לאכול'. אלע הלכות דארף מען אראפ לייגן מיט א קלארקייט, אבער 'געלט זאכן' במיוחד, 'הרוצה להחכים יעסוק בדיני ממונות', דיני ממונות איז א טיפע סוגיא, ס'דארף במיוחד א קלארקייט, 'כשלחן ערוך ומוכן לאכול'.

דיני ממונות איז א מלחמה צווישן צוויי מענטשן. אויסגראדן א סכסוך איז גאר א טיפע זאך, א סכסוך איז געוועטליך גוט פארפלאנטערט, יעדער צד פראבירט אויפצו-ווייזן זיין שטארקייט און יענעמס שוואכקייט, ספעלט זיך אויס א שטארקע שיקול הדעת, קיין איין מעשה איז נישט דומה צו די אנדערע מעשה, יעדער שאלה פעלט זיך אויס א עקסטערע שיקול הדעת פאר זיך.

ס'איז דא חוקים און ס'איז דא משפטים, חוקים מיינט זאכן וואס זענען 'קליפ און קלאר', געשניטן. און 'משפטים' מיינט זאכן וואס האט צדדים, זאכן וואס ס'איז דא ביי דעם א שיקול הדעת, אפשר רעכסט אפשר לינקס. זאכן וואס יעדער 'בעל דין' שלעפט די שטריק צו זיך, און דער דיין ווערט מיט געשלעפט אהער און אהין, די הלכה ווארפט זיך אים, ס'איז א שווערע 'שיקול הדעת', ס'איז שווער צו זאגן א שארפע און קלארע פסק.

### בלבולים בדיני ממונות

ווען ס'קומט למעשה ביי 'דיני ממונות' איז א גוטע בלבול, יעדער שאלה איז קאמפלעצירט פאר זיך, געוואנדן לפי די קולות און געשרייען פון די בעלי דינים, אבער ביים לערנען דארף מען כאטשיג זיין קלאר און גוט מסודר, 'כשלחן ערוך המוכן לאכול', כאטשיג זאל מען זיין גוט אנגעגרייט פאר די מלחמה. א מלחמה איז מורא'דיג קאמפלעצירט, א מורא'דיגע בלבול, אבער כאטשיג ביים זיך גרייטן דארף מען קומען גוט צוגעגרייט.

א סאך 'דיני תורות' ביי ממונות גייען למעשה שלאפן, ווייל ס'איז נישט דא גענוג קלארע ראיות אויפצו-ווייזן, ארויס ציען פון א מוחזק איז גאר שווער, מ'דארף פארדעם שטארקע כוחות, עדים, שטרות, ברי, שבועות, אויב זענען די ראיות נישט הונדערט פראצענט קלאר, גייט די דין



תורה געוועגטליך גלייך אראפ פון טיש. דאס איז אויך אין כלל פון דעם אז 'דיני ממונות' דארף מען במיוחד אז ס'זאל זיין 'כשלחן ערוך המוכן לאכול'.

דיני ממונות לעבט זיך, ס'טוט זיך א מצב, פאר די בעלי דינים איז עס גארנישט אזוי אונטערסאנט, אבער ארום טוט זיך, אסאך ווערן אריינגעשלעפט, א האלב שטאט ווערט אריינגעשלעפט. א סכסוך איז גאר א טיפע זאך, ס'שלעפט און ס'ציט פון אלע זייטן, צו קענען דאס אויסגראדן דארף די תורה זיין 'כשלחן ערוך המוכן לאכול'.

באמת דאס וואס די בעלי דינים פאלן אריין אין אזא מלחמה, דאס קומט פון דעם וואס זיי אליינס האבן נישט קיין שום בקיאות אין הלכות, טראכט יעדער אז ער וועט שוין יענעם אויפווייזן, אויב וואלטן די בעלי דינים געוויסט אביסל די הלכות, וואלטן זיי אין געכאפט ווען ס'איז נישט דא וואס צו מאכן, ווען אוועק צו שטיין ווייל ס'איז א שאד די צייט, ס'איז נישט דא גענוג הוכחות.

דאס איז אלעס אין כלל פון 'כשלחן ערוך המוכן לאכול', לערן אויס פאר יעדן איינעם, ברענג אריין בקיאות ביים עולם, יעדער זאל קענען פארשטיין די הלכות פון חושן משפט, אויב וועלן די 'בעלי דינים' זיין אביסל באקאנט, וועלן זיי זיך קענען מלכתחלה היטן נישט אריינצופאלן.

### דרשות ובעלי דרשנים

לאמיר אריינטראכטן וואס דאס מיינט 'כשלחן ערוך המוכן לאכול'. צו גרייטן די טיש צום עסן קען מען אויף פארשידענע וועגן, ס'איז נישט דא קיין פונקטליכע מהלך אין דעם, ס'איז דא די געוועגטליכע כללים, אבער אין די פרטים און אין די פרטי פרטים האט זיך יעדער פרווי איר מהלך. 'כשם שאין פרצופותיהן שוות כך אין דיעותיהן שוות', לויט ווי סאך פרויען ס'איז דא, אזוי סאך וועגן קען מען צוגרייטן דעם טיש, ס'איז אין לדבר סוף, יעדער מענטש גרייט צו לויט זיין געשמאק, לויט זיין טעם.

די זעלבע זאך ווען ס'קומט צו אראפ לייגן א געדאנק, ווען ס'קומט צו מסביר זיין א זאך, די עצם זאך קען זיין די זעלבע, אבער די הסברה, וויאזוי אראפ צו לייגן, אין דעם איז נישט דא קיין שיעור, יעדער איז מסביר לפי זיין מוח און פארשטאנד, יעדער גרייט צו לויט וויאזוי ער זעט די זאך. 'כשלחן ערוך המוכן לאכול' איז נמשך דור אחר דור, יעדער יוד, יעדער בעל דרשן, לייגט אראפ די תורה 'כשלחן ערוך המוכן לאכול', לויט זיין טעם, לויט וויאזוי ער איז מכין דעם טיש.

די וועגן וויאזוי אראפ צו לייגן א דרשה, איז געוואנדן לויט ווי סאך בעלי דרשנים ס'איז דא, וועסט נישט טרעפן צוויי בעלי דרשנים זאלן אראפ לייגן א זאך די זעלבע וועג, אויב איז ער א אנדערע מענטש, א

המשך בעמוד הבא

אנדערע בעל דרשן, האט ער בהכרח א אנדערע טעם וויאזוי ער גרייט צו צום דרשה, א אנדערע טעם וויאזוי ער לייגט אראפ די דרשה, יעדער האט זיך זיין 'שלחן ערוך המוכן לאכול'.

'כשלחן ערוך המוכן לאכול' לערנט א מורא'דיגע זאך, די קענסט האבן די בעסטע זאך, אויב איז עס נישט שיין אראפגעלייגט, אויב איז עס נישט געשמאק סערווירט, העלפט נישט קיין פדינו ומצילנו, אויב די ווילסט יענעם כאפן, די ווילסט כאפן א קאסטימער וכדומה, ס'איז נישט דא קיין ברירה דו מוזט עס געבן אין א שיינעם פעקידזש. ביי דרשות וועסטו נישט קענען יענעם כאפן נאר אויס ס'איז שיין אראפגעלייגט.

ס'קענען זיין צוויי בעלי דרשנים איינער האט אמת'דיגע גוטע סחורה, אבער ער האט נישט אזוי די כוח עס אראפ צו לייגן געשמאק, די צווייטער האט טאקע נישט קיין גוטע סחורה, אבער ער קען עס געשמאק אראפ לייגן, איז יתכן אז דער עולם וועט לויפן צו די צווייטער, מעשים בכל יום אז דער עולם לויפט צו דער וואס עטווערטייזט געשמאק, צו דער וואס געבט געשמאקע פעקידזשינג.

די פרוי גרייט צו די טיש אויף די שענסטע וועג, לויט וויאזוי זי טראכט אז זי גייט געפעלן דעם מאן, זי פארשטייט אז אויב וויל זי געפעלן דעם מאן דארף די עסן סערווירט ווערן געשמאק, ס'וועט נישט זיין גענוג אז די עצם עסן איז גוט, ס'דארף סערווירט ווערן שיינץ אויף די שענסטע וועג. דאס איז אלעס אין כלל פון 'כשלחן ערוך ומוכן לאכול', דו דארפסט עס געבן פאר דיינע שומעים אין מויל אריין.

### ◆ א גוטע בעל דרשן

די עצם הלכה האט א גבול, הלכה איז הלכה, אבער די חלק פון גוט אראפ לייגן, דאס איז א זאך וואס האט נישט קיין גבול, א גוטער בעל דרשן האט נישט קיין גבול, די כוח פון 'הסברה' גייט אן קיינע גבולים, די כוח ההסברה איז געשעטעלט אויף בייגעדיגע עיקרונות, ממילא איז עס 'אין סופית'. מ'קען מסביר די זעלבע זאך בעסער און בעסער, שטענדיק קען מען מער מדייק זיין, צו פאסן צו די קהל וואס מ'צילט, זיך באניצן מיט בעסערע דגמאות און משלים, און צו מאכן א שטערקערע קשר מיט די שומעים.

א בעל דרשן מיט א כח הסברה שארפט זיך יעדן טאג, ס'איז א אומנות וואס ווערט יעדן טאג מער אויסגעשארפט, יעדעס מאל קען מען טרעפן עפעס א קלארערע וועג, א וועג וואס איז וועט מער משכנע זיין די שומעים, מער אפקטיוו איבער צו געבן די מעסידזש. היינט איז ער מעורר אזא סארט 'השראה', און מארגן פארקערט, היינט לייגט ער צו א ווערטל פון פאראויס, דא קומט ער אריין לעבעדיג, מארגן קומט ער אריין ערנסט, ס'איז זאכן וואס האבן נישט קיין עק.

די וועלט טוישט זיך און די מענטשן וואס הערן אויס די דרשות טוישן זיך, דאס איז א חלק פון די ארבעט פונעם בעל דרשן, צו צופאסן זיך צו יעדער סארט קהל און זייערע מצבים. יעדער צייט פון יאר דארף מען צופאסן א אנדערע סארט דרשה, 'כשלחן ערוך המוכן לאכול'.

די הסברה היינט איז נישט דומה צו די הסברה אמאל, היינט אז ס'איז דא א אוצר החכמה וואס מ'קען אסאך גרינגער אויפזוכן גוטע סחורה, אויב לויפט נישט דער בעל דרשן מיט דעם, וועט ער שנעל ווערן אונטער שטעליג, יעדער אומנות דארף זיך כסדר צו פאסן צו די מצב ווי די וועלט שטייט, במיוחד א בעל דרשן וואס דארף כאפן די הרגשה פונעם קהל.

### ◆ די הסברה פונעם בעל דרשן

יעדער מענטש פארשטייט אנדערשט זאכן, יעדער דור פארשטייט אנדערשט, יעדער קהילה פארשטייט אנדערשט. מ'קען זאגן די זעלבע רעיון און עס ווערט געהערט אינגאנצן אנדערשט פאר פארשידענע מענטשן. שטענדיג קען מען משפר זיין די 'נוסח', מ'קען אויסשארפן, מ'קצר זיין, מאריך זיין, אויסברייטערן, איבער דרייען די זאכן אז זיי זאלן זיין מער פארשטענדליך, מער שטערקער און פיל מיט ענערגיע.

די ההסברה היינט איז נישט דומה צו די הסברה פון אמאל, היינט גוט צו מסביר זיין דארף מען שוין וויסן סליידס, לויט די דור ווערט נשתנה די וועגן וויאזוי צו משפיע זיין. מ'קען מסביר זיין טריקן, מיט לאגיק און שכל, און מ'קען מסביר זיין פיל מיט הרגשים. ווי מער מ'שארפט זיך אויס די וועג אז די מעסידזש זאל אנקומען צו די הערצער, ס'זאל טאטשן די הערצער, אזוי ווערט די הסברה בעסער. אפילו מ'האט שוין גוט מסביר געווען, שטענדיג קען מען איבערגיין נאכאמאל, מער משכנע זיין, מוסיף זיין דגמאות, שטעלן די זאך פון פארשידענע ווינקלען, און אזוי איבער צו געבן די מעסידזש אויף א אופן וואס ס'איז נישט שייך מערער צו זיין.

שטענדיג דארף דער בעל דרשן אפ לערנען דעם קהל, בודק זיין וויאזוי דער עולם איז מגיב, אויב עפעס איז נישט פארשטענדליך, מסביר זיין אויף א אנדערע וועג, פראבירן און זיך מרגיל זיין. שטענדיג ניצן משלים און דגמאות, איבער דרייען עפעס וואס איז מופשט צו א טאפדיגע זאך וואס מ'קען זען און אנכאפן. צו לייגן א מעשה, מענטשן געדענקן א מעשה אסאך בעסער ווי טריקענע הסברים.

### ◆ תורת השם תמימה

די הייליגע תורה גופא בלייבט 'תמימה', אבער די עומק פון דער תורה איז אינסופי, אזוי ווי דער וואט פון בעל שם טוב אויף די פסוק 'תורת השם תמימה', אז די הייליגע תורה איז אינסופי. און אפילו אויב מען האט נישט אנגעהויבן צו מסביר זיין אין איר, דארפן זיי מסביר זיין און מסביר זיין און נאכאלץ בלייבט מען נאר אין אנהייב.

אזוי מ'פארשטייט אז א גוטע 'בעל דרשן' קען נעמען די זעלבע דרשה און עס איבער זאגן עטליכע מאל, דא רעדט ער אין דעם בית מדרש איז ער מקשר די ענין צו וואס מ'דארף דארט, שפעטער רעדט ער ערגעץ אנדערשט איז ער מקשר דעם דרשה צו די ענין דארט, און ס'איז אלעס די זעלבע דרשה.

די זעלבע זאך די תורה הקדושה, די תורה איז די זעלבע תורה, אבער די הסברים ווערן אויסגעברייטערט און צוגעשטעלט לפי די דור, לפי די מציאות אין וואס מ'לעבט. ס'איז דא א דור וואס מ'איז עוסק בעיקר אין יורה דעה, א צווייטע דור וואס מ'איז עוסק בעיקר אין הלכות שבת, ס'איז דא א דור וואס האט גוטע ספרים אויף די סוגיא, ממילא לערנען אלע די סוגיא, אין א צווייטע דור זענען די עיקר ספרים אי א אנדערע סוגיא, לערנען אלע יענע סוגיא.

די חכמי ישראל אין אלע דורות האבן אונז אויסגעלערנט אז שטענדיג דארף מען פראבירן צו פארשטענערן און פארגרינגערן די הבנה אין תורה, די חכמי ישראל האבן זיך מוסר נפש געווען צו שרייבן ספרים מבאר צו זיין און מסביר צו זיין די תורה הקדושה, זיי האבן געפילט א חוב קדוש צו פארבעסערן די הסברא און קלארקייט אין די תורה, גרינגער צו מאכן די תורה, צו גרייטן די פאר זייער דור און פאר די קומענדיגע דורות.

## רעיון הגמחי"ם

מאיסור ריבית בתורה יוצא מושגים בכלכלה יהודית. מזה שהתורה אוסרת ריבית יוצאת מערכת כלכלית שמבוססת על ערבות הדדית ותמיכה קהילתית, במקום ניצול של הזולת. במערכת כזו, הכסף לא נועד ליצור רווח פרטי, אלא לסייע לכל אחד בקהילה בזמן צורך. היום אני מפקיד ואתה מוציא ולוה, ולמחר אתה מפקיד ואני מוציא ולוה.

הדוגמה לזה היא הגמ"ח (גמילות חסדים). כל אחד מפקיד סכום מסוים לגמ"ח, והקהילה כולה יכולה ליהנות מהכסף הזה - היום אתה לווה, מחר אני לווה. זהו מודל כלכלי שמעודד שיתוף ולא תחרות, שבו ההון זורם בין אנשים בלי שמישהו ירוויח על חשבון אחר.

במהלך ההיסטוריה, קמו גמ"חים רבים שייעודם לסייע, החפץ חיים, היה בין הדמויות המרכזיות בעידוד חיזוק מצוות גמילות חסדים בדורו, ובפרט בהקמת גמ"חים מסודרים בקהילות ישראל. בכתביו, ובייחוד בספרו "אהבת חסד", החפץ חיים עסק בהרחבה במצוות גמילות חסדים והלוואה לנזקקים. בהנהגתו ובקריאתו, קמו גמ"חים רבים ברחבי אירופה בראשית המאה ה-20, שפעלו לפי ההוראות והעקרונות שהוא קבע - שקיפות, אמינות ומחויבות לערכים רוחניים לצד ניהול נכון של הקרן.

בעוד שהרעיון של גמילות חסדים והלוואות היה קיים מזה דורות, החפץ חיים תרם תרומה עצומה בהפצת הרעיון ובהפיכתו למוסד מאורגן בכל קהילה, כשהוא משלב בכך הוראות מעשיות וקריאות לפעולה מעשית לצד הלכות מפורטות. ספרו "אהבת חסד" נחשב עד היום למורה דרך עיקרי בתחום זה.

מהגמחי"ם הידועים הוא "הגמ"ח המרכזי", שהוקם בהנחיית גדולי ישראל, ר' שלמה זלמן אויערבך, רב אלישיב וכו', במטרה לסייע למשפחות במימון הוצאות נישואי ילדיהם. בנוסף, קיימים גמ"חים הפועלים במתכונת של "ערבים", שבהם קבוצת אנשים מתאגדת ומתחייבת לסייע זה לזה במימון הוצאות חתונה או במקרים של פטירה. במסגרת זו, כל חבר תורם סכום קבוע לקרן משותפת, וכאשר אחד החברים נזקק לסיוע, הקרן מעניקה לו את המימון הנדרש.

גמחי"ם מבוססים על ערבות הדדית ואמון בין החברים, ומאפשר התמודדות עם הוצאות כבדות באמצעות שיתוף פעולה קהילתי. הגמ"חים מהווים חלק בלתי נפרד מהחיים הקהילתיים, ומשקפים את הערכים של חסד, צדקה וערבות הדדית המושרשים בכלל ישראל.

## הבנקים הראשונים

במערכת הבנקאית המודרנית הריבית היא חלק בלתי נפרד מהפעילות הכלכלית, ומיועדת ליצור רווח לבנק ולמפקידים, לפי התורה יוצא חזון של 'כלכלה יהודי' שבה כסף הוא כלי לבניית חברה צודקת ואחראית. בצורה כזו, הכסף לא "מונח" אצל מישהו אחד אלא עובר בין חברי הקהילה, ובכך כולם מתעשרים בסופו של דבר. זה שכל אחד בקהילה יכול להרגיש בטוח שגם כאשר הוא יצטרך, יהיה מי שיעזור לו, כפי שהוא עזר לאחרים. זה יוצר מערכת כלכלית יציבה ומוסרית, שבה האינטרס הפרטי לא עומד בניגוד לרווחת הכלל.

באמת הבנקים הראשונים בהיסטוריה התפתחו באופן זה. בנקים קדומים היו לרוב כעין גמחי"ם שיתופיים שנוצרו על ידי קהילות או אגודות להגנה על הכספים ולהלוואות בינם לבין עצמם. רק עם התפתחות הכלכלה, הקפיטליזם, והגלובליזציה, הבנקים הפכו למוסדות פיננסיים מסחריים שמטרתם היא רווח.



כהיום, רוב הבנקים הגדולים בעולם הם חברות שמטרתן להניב רווחים לבעליהם (או לבעלי המניות). בעלות זו מבוססת על רווחיות, ולכן ריבית היא חלק בלתי נפרד מהתפקוד שלהם. בנקים לא רק מלווים כסף, אלא גם מנהלים את הכסף, והם חלק ממערכת הכלכלה הלאומית והגלובלית. הם צריכים להיות רווחיים כדי להתמודד עם סיכונים ולעמוד בדרישות.
אם הבנקים יפעלו ללא רווח, לא יהיה תמריץ לחדשנות, לשמירה, להתמודדות עם משברים. רווחיות היא חלק מהמנגנון שמאפשר לבנקים לתפקד כמוסדות יציבים.

גם כהיום ישנם מודלים של בנקים שמבוססים על עקרונות יותר קהילתיים ושיתופיים כמו גמחי"ם, יש קרדיט יוניונים ויש בנקים אסלאמיים. אך להרחיב את זה למערכת הבנקאות הגלובלית כפי שהיא קיימת היום זה מורכב מאוד ודורש שינוי מהותי במבנה הכלכלי והחברתי.

## אמונה ואמון הדדית

באמת, אם הלוואה ניתנת בתנאי שהוא יחזור וילוה בעתיד, זה גופא יכול להיחשב כסוג של ריבית או ניצול, מה שסותר את הרעיון של הלוואה ללא ריבית. המערכת שמתארת התורה מבוססת על אמון ועל הנחה שכל אחד יפעל בהתאם לציווי התורה, כלומר יתן הלוואה בלי לצפות לתמורה ישירה. זה יוצר סביבה של אמון ושיתוף, שבה אנשים נותנים ולווים מתוך הבנה שבעתיד, אם יצטרכו, יהיה מישהו שיעזור להם בלי תנאים מוקדמים.

המשך בעמוד הבא

האמון הזה בין חברי הקהילה לכך שכל אחד ינהג כמצוות התורה הוא מה שמאפשר לכלכלה ההדדית לתפקד. להציב תנאים לחזרה על טובה בצורה של הלוואה חוזרת בעתיד מגביל את המערכת הזו, כי זה מכניס אלמנט של חובה ורווח אישי, שנוגד את הרוח של המערכת הכלכלית התורנית. הלוואה בתורה צריכה להיות נתונה מתוך רצון לעזור ולא מתוך ציפייה לקבלת משהו בחזרה, אלא שממילא כולם מרוויחים, וגם אתה תרוויח בעתיד כשאתה תצטרך ללוות מאחרים.

אמון ואמונה הדדית היא אחת הנקודות החשובות ביותר בתורה הקדושה, אמון ואמונה הדדית היא שורש כל המצות שבין אדם לחבירו. 'גמילת חסדים' אינו 'חסד של אמת', גמילת חסדים יתכן על דעת שהם יחזרו לך, אבל זה לא נעשה בתנאים מוקדמים, זה בנוי על אמונה ונאמנות זה לזה, כל אחד מאמין את השני שביום מן הימים יכיר לו טובה ויחזיר לו את מה שקיבל ממנו. כאשר חברי קהילה נותנים הלוואות בלי ציפייה לרווח, הם מפתחים אמון הדדי שמחזק את הקשרים בין האנשים.

## ריבית נחשב לגזל

לבד מה שהתורה אסרה ריבית, מבואר בגמרא בתחילת פרק איזהו נשך שריבית נחשב כ'גזל'. רבים תמהים על זה: למה זה נחשב לגזל בשעה ששניהם הסכימו לדבר ברצון? הרי כשאדם משכיר בית, רכב או כלי עבודה, הוא מקבל תשלום נוסף על עצם השימוש של השוכר. מדוע שכסף יהיה שונה?

החילוק יסודי: בשכירות, החפץ נשאר של המשכיר. אדם שמשכיר בית, הבית עדיין שלו, והשוכר משלם על כך שהוא נהנה ממנו למשך זמן מסוים. לעומת זאת, בהלוואה, הכסף עצמו יוצא לגמרי מרשות המלווה ועובר לרשות הלווה. הכסף הופך לנכס של הלווה, והוא רשאי להשתמש בו ככל העולה על רוחו. במקרה כזה, אם נבקש שהלווה יחזיר יותר ממה שקיבל, נמצא שהמלווה מרוויח ממון מקרן שלא שייך לו.

## עליות וירידות בשוק

רווח שייך רק בדבר שיש בו עליות וירידות. שוק הסחורות, הנדל"ן, המזון והכלים - כולם כפופים לשינויים של ביקוש והיצע. המחירים שלהם עולים כשיש מחסור ויורדים כשיש שפע. לכן יש אפשרות לסוחר להרויח: לקנות כאשר הערך נמוך ולמכור כאשר הערך גבוה. המסחר הוא למעשה ניצול נכון של שינויי השוק.

אבל כסף בעצמו אינו סחורה. כסף הוא המדד שעל פיו מודדים את עליות וירידות הסחורות, ולכן הוא אמור להיות יציב. אם היינו אומרים שכסף יכול בעצמו להרויח, הרי זה כמו לומר שהמדד עצמו משתנה, מה שיוצר בלבול וחוסר יציבות במערכת כולה. סחורה יכולה להשתנות בערכה, אבל כסף נועד להיות הכלי שמודדים בו את הערכים ולא דבר שיש לו ערך עצמי משתנה, כסף נועד להיות יציב.

ידוע ענין 'אינפלציה', ובפשטות הינו שהכסף עולה ויורד, אבל העומק היא, שגם אם יש ירידה ועליה בכסף, נגד הסחורה עדיין יחשב הכסף יציב, כי כך צריך להיות בהכרח, אם רוצים שהכסף יהיה המודד, הכסף יהיה מלמעלה, אז בהכרח צריכים לחזק את הכסף, שהכסף לעולם יהיה יציב. ועוד יותר, אפילו אם ערך הכסף ירד ועלה, אבל למעשה סכום הכסף נשאר אותו סכום כסף, זה אומר שהכסף מטבע הוא יציב, ורק הסחורה עלה וירד לעומתו. הם דברים עמוקים ואין להאריך כאן.

## משברים כלכליים

במערכת כלכלית בריאה, הרווח נוצר רק מתוך פעילות ממשית - מכירה, מסחר, ייצור ושירותים. אבל כסף לבדו לא יכול לייצר רווח כי אין לו תנועה עצמאית כמו לסחורות. ריבית מתייחסת לכסף כאילו הוא עצמו נכס משתנה בערכו, למרות שבמהותו הוא רק כלי מדידה. זה יוצר רווח על חשבון אחרים בלי פעולה יצרנית.

זו אחת הסיבות לכך שהמערכת הכלכלית המודרנית סובלת ממשברים פיננסיים. במקום שהשוק יתבסס על עבודה ויצירה, ריבית גורמת לכך שכסף "מייצר" כסף בלי בסיס כלכלי אמיתי. כך היה במשבר 2008, כאשר בנקים הלוו סכומים גדולים מתוך מחשבה שהכסף יעשה כסף בלי ערך ממשי מאחוריו. כשהלווים לא יכלו להחזיר, המערכת קרסה. איסור הריבית מבקש להבטיח שהרווחים יהיו תוצאה של עבודה ויצירה אמיתית, ולא של ניצול כספי.

**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 3086-313-5061 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי - לומדות יומי -ביזנעס יומי - נפש יומי - חינוך יומי), על הפרשה 4, חומש רש"י 5, משנה וגמרא 6, הלכה 7, מוסר וחסידות 8, סיפורי צדיקים 9, אינטערסאנטע טאפיקס 01, שבת 11, מועדים 21, נשואין שלום בית 31, סליידס (שקופיות) 41, פרעזענטאציעס (מצגות) 51, | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות: moc.liamg@sgnalmolahs**
**או לשלוח הודעה: moc.spuorgelgoog@ebircsbus+letnip-muz**

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 6153-472-548**

עיצוב: י.ב. +972-52-763-3424